# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

## פרשת יתרו

כיתה ח׳

שנת תשע"ב

**וישמע יתרו כהן מדין חותן משה וגו׳:** פירש"י **מה שמועה שמע ובא קריעת ים סוף ומלחמת עמלק.** לכאורה דארף מען פארשטיין וואס רש"י פרעגט וואס ער האט געהערט, דער פסוק זאגט דאך קלאר ארויס אז ער האט געהערט **את כל אשר עשה ה׳ למשה ולישראל עמו?**

ענטפערט דער רבי ר׳ **זושא מאניפאלי** זי"ע אז רש"י פרעגט אויב יתרו האט געהערט די אלע נסים און ער האט מחליט געווען זיך צו מגייר זיין, האט ער דאך געקענט ווערן א איד און בלייבן וואוינען אין מדין, פארוואס האט ער געדארפט קומען צו די אידן אין מדבר?

אויף דעם ענטפערט רש"י **קריעת ים סוף ומלחמת עמלק,** ער האט געזעהן אז כאטש די גאנצע וועלט האט געוואוסט פון די נסים פון קריעת ים סוף, און דאך האט דאס נישט אפגעהאלטן דעם עמלק צו קומען זיך שלאגן מיט די אידן, האט ער פון דעם געזעהן אז עס איז נישט גענוג אז מ׳ווייסט פונדערווייטנס, נאר מ׳דארף אליינס קומען צו די אידן און דאס מיטשפירן, דאס האט די ריכטיגע השפעה.

דאס זאגט רש"י **מה שמועה שמע ׳ובא׳,** וואס האט גורם געווען אז אויסער זיך מגייר זיין זאל ער קומען צו די אידן, דאס איז געווען קריעת ים סוף און מלחמת עמלק.

*

**וישבו לאכול לחם עם חותן משה לפני האלקים:** זאגט רש"י אז משה רבינו האט משמש געווען ביי די סעודה, **מכאן שנהנה מסעודת שת"ח מסובין בה כאילו נהנה מזיו השכינה.**

לכאורה ווי אזוי האט משה רבינו געמעגט עפ"י הלכה משמש זיין ביי די סעודה, **תוספות** אין בבא בתרא זאגט אז די פערציג יאר אין מדבר איז משה רבינו געווען דער **מלך ישראל**, און מיר פסק׳ענען (קידושין ל"ב ע"ב) **אז מלך שמחל אין כבודו מחול.**

ענטפערט דער **עיר דוד** ווייל די גמרא זאגט אין מס׳ סוטה (דף מ"א ע"א) **שום תשים עליך מלך,** אז דער מלך איז אליין מצווה זיך צו פירן בכבוד. פרעגט די גמרא אגריפס המלך האט דאך געליינט די תורה **שטייענדיג,** און די חכמים האבן אים געלויבט אויף דעם וואס ער האט זיך מכניע געווען פאר די תורה, ענטפערט די גמרא אז ביי א מצוה איז אנדערש ווי דער מלך קען יא מוותר זיין אויף זיין כבוד. זאגט דער תוס׳ אז דאס איז געזאגט געווארן דוקא ביי א מצוה וואס איז דא אויך כבוד השכינה אזוי ווי ביי אגריפס וואס מ׳האט געליינט אין די עזרה נוכח פני השכינה.

מיט דעם פארשטייט מען אז נאכדעם וואס רש"י האט געזאגט אז משה רבינו איז געווען **עומד ומשמש** ביי די סעודה איז לכאורה שווער ווי אזוי האט ער געמעגט משמש זיין אלס דין **מלך,** אויף דעם איז דער תירוץ, **לפני האלקים** ווייל עס איז **כאילו נהנה מזיו השכינה,** און ביי אזא פאל מעג דער מלך מוחל זיין אויף זיין כבוד.

*

### ויתייצבו בתחתית ההר

די **גמרא** זאגט אז דער רבש"ע האט איבערגעבויגן דעם הר סיני אויף די אידן, און זיי געזאגט אז אויב אידן זענען נישט מקבל די תורה וועלן זיי דארט בלייבן.

זאגט דער **הייליגער בעש"ט** זי"ע אז דאס קומט לערנען פאר אידן אז אפילו איינער האט נישט קיין חשק צו לערנען און דאווענען דארף ער זיך צווינגען מיט געוואלד צו עבודת השם, און ער זאל זיך פארשטעלן ווי איינער צווינגט אים צו עבודת השם, און ער מוז דאווענען און לערנען אפילו עס איז שווער.

דאס איז א גוטער וועג פאר א איד זיך צוגעוואוינען פון קליינוויז אן אז ער זאל נישט מבטל זיין פון עבודת ה׳ אפילו ווען מ׳האט נישט קיין חשק.

*

### במדרש בשעה שא׳ הקב"ה אנכי ה"א, פתח משה ואמר ברוך שלא עשני גוי:

זאגט **רביה"ק בעל דברי יואל** זי"ע לויט די קשיא פונעם **טורי זהב** (או"ח סי׳ מ"ו) פארוואס מ׳זאגט **שלא עשני גוי**, און נישט **שעשני ישראל**, ווייל די גמרא אין מנחות (דף מ"ב) אז מ׳מאכט נאר א ברכה אויף א מצוה וואס איז נישט כשר ווען א גוי טוט עס, משא"כ א מצוה וואס א גוי קען אויך טון, ווי למשל קניפן ציצית מאכט מען נישט קיין ברכה, ווי **רש"י** איז מסביר אז מ׳קען נישט זאגן ׳אשר קדשנו׳ אויף א זאך וואס א גוי קען טון, און **תוספות** זאגט אז מ׳קען נישט זאגן ׳וצונו׳. זאגט דער רבי זי"ע אז דאס איז פשט אין די ברכה פון שלא עשני גוי, אז מיר לויבן דעם אייבערשטן אז ער האט נישט געגעבן די מצות פאר די גוים, ממילא קענען מיר מאכן די ברכות.

די **מפרשים** פרעגן פארוואס ווען דער אייבערשטער האט געזאגט **אנכי** האט ער דערמאנט **אשר הוצאתיך מארץ מצרים**, און נישט **אשר בראתיך**, וואס איז לכאורה א שטארקערע זאך ווי דאס. נאר לויט דעם פארשטייט מען ווייל אין די בריאה זענען די גוים אויך געווען שותפים, ווייל מ׳האט זיי אויך באשאפן, משא"כ ביי יציאת מצרים איז געווען נאר אידן.

דאס זאגט דער **מדרש** ווען השי"ת האט געזאגט אנכי ה"א **אשר הוצאתיך**, און נישט **אשר בראתיך**, ווייל יציאת מצרים האט דאך נאר געהאט מיט די אידן און נישט מיט די גוים, האט משרע"ה באלד געמאכט די ברכה **שלא עשני גוי**, וואס קומט לערנען אז מ׳קען מאכן ברכות.

# אוצר הידיעות

## דער בריוו פון שבת צום אבן עזרא

אני שבת עטרת דת יקרים, רביעית בעשרת הדברים
ובין השם ובין בניו אני אות, ברית עולם לכל דורים ודורים
ובי כל מעשיו כלה אלקים, וכן כתוב בראשית הספרים
ולא ירד ביום השבת אזי מן, למען אהיה מופת להורים
אני עונג לחיים על האדמה, ומרגוע לעם שוכני קברים
אני חדות זכרים גם נקבות, וששים בי זקנים עם נערים
ולא יתאבלו בי האבלים, ובי לא יספדו על מות ישרים
השקט ימצאו עבד ואמה, והגרים אשר הם בשערים
ינוחון כל בהמות הם ביד איש, כססים וחמורים ושוורים
וכל משכיל ביינו הוא יקדש, וגם מבדיל חשובים כנזירים
בכל יום ימצאו שערי תבונה, ביומי נפתחו מאה שערים
מכובד מעשות דרך, וכן מן מצא חפץ ודבר כל דברים
ושמרתיך בכל ימים, למען שמרתני מאד מימי נעורים
בזקנותיך שגגה נמצא בך, אשר הובאו אליך הספרים
ושם כתוב לחלל יום שביעי, ואיך תחשה ולא תידור נדרים
לחבר איגרת דרך האמונה, ותשלחם אל כל העברים

# אוצר רבותינו

## זכור את יום השבת לקדשו

די פאלגענדע מעשה נורא זענען מיר מעתיק פון א מכתב וואס איז געשריבן געווארן דורכן הייליגן **אבן עזרא זי"ע**.

בחצות הלילה פרייטאג צונאכטס י"ד טבת אין יאר ד' אלפים תתקי"ט, איך **אברהם הספרדי** הנקרא **בן עזרא** בין געווען אין א א ווייטע שטאט, איך בין געשלאפן און איך זע אין חלום א מלאך וואס שטייט נעבן מיר, און ער האט אין זיין האנט א פארמאכטע בריוו, און ער זאגט מיר 'נעם דעם בריוו וואס שבת קודש האט דיר געשיקט', איך האב געקניט און זיך געבוקט פארן אייבערשטן, און איך האב געלויבט דעם אייבערשטן אויף דעם גרויסן כבוד, איך האב דאס אנגעכאפט מיטביידע הענט און איך האב אנגעהויבן צו ליינען דעם בריוו.

פון אנהויב איז דער בריוו געווען פאר מיר ווי האניג, אבער ווען איך האב געליינט די לעצטע שורות איז מיין הארץ געווארן ווארעם, און מיין זעהל איז כמעט אויסגעגאנגען, און איך האב געפרעגט דעם וואס איז געשטאנען קעגן מיר **"מה פשעי ומה חטאתי, פון דעם טאג וואס איך האב געקענט דעם הייליגן באשעפער וואס האט מיך באשאפן, ער האט מיך געלערנט זיינע מצוות, האב איך אלעמאל ליב געהאט דעם שבת, און נאך איידער דער שבת איז געקומען האב איך איר שוין אפגעווארט מיטן גאנצן הארץ, אויך ווען זי איז אוועק געגאנגען האב איך איר באגלייט מיט שמחה און געזאנג, פארוואס האט מיר שבת געשיקט דעם בריוו?"**

האט מיר געענטפערט דער שליח פון שבת "מ'האט מיר געזאגט אז דיינע תלמידים האבן נעכטן געברענגט צו דיר אהיים ספרים וואו עס שטייט אז מ'זאל מחלל שבת זיין, און דו זאלסט דיר אנגארטלען די לענדן און ארויסגיין מלחמה האלטן פאר די תורה קעגן די פיינט פון שבת.

איך האב זיך אויפגעוועקט, דאס הארץ האט מיר געקלאפט, איך בין געווען זייער דערשראקן, איך בין אויפגעשטאנען מיט א גרויסן צארן איך האב זיך אנגעטון די קליידער און געוואשן די הענט, און ארויסגענומען די ספרים אינדערויסן צום שיין פון די לבנה.

אין די ספרים איז געשטאנען בפירוש **ויהי ערב ויהי בקר יום שני**, אז ווען עס איז געווארן **בוקר** דעמאלטס איז הערשט געווארן **יום השני**, ווייל די נאכט גייט נאכן פריערדיגן טאג, ממילא קומט אויס אז פרייטאג צונאכטס איז נאכנישט שבת ווייל עס גייט נאך פרייטאג.

איך האב זיך שיעור נישט צוריסן מיינע קליידער, און איך האב צוריסן דעם פירוש, זאגנדיג אז ענדערש זאל איך מחלל זיין איין שבת און אידן זאלן נישט מחלל זיין מערערע שבתות אויב זיי וועלן זעהן דעם פירוש.

איך האב זיך איינגעהאלטן מחמת כבוד השבת, און איך האב געמאכט א נדר אז איך וועל נישט גיין שלאפן נאך שבת ביז ווען איך וועל שרייבן א בריוו און מסביר זיין ווען עס הייבט זיך אן דער טאג, כדי אוועק צו נעמען יעדע שטרויכלונג ווייל יעדער איד ווייסט אז די פרשה פון בראשית איז געשריבן געווארן אין די תורה נאר כדאי צו דערציילן פאר די שומרי שבת ווי אזוי מ'זאל האלטן דעם שבת אזוי ווי דער אייבערשטער האט גערוט.

דער אבן עזרא ענדיגט דעם בריוו מיט א שארפע אזהרה **"והמאמין בפירוש הזה השם ינקום נקמת השבת ממנו, והקורא אותו בקול גדול תדבק לשונו לחכו, גם הסופר הכותב אותו בפירושי התורה זרועו יבוש תיבוש, ועין ימינו כהה תכהה, ולכל בני ישראל יהיה אור".**

# יגעת ומצאת

שטייענדיג אין פרשת יתרו, די וואך פון מתן תורה, נאכדעם וואס מיר האבן שוין זוכה געווען אין די פארגאנגענע פרשיות פון די תורה אדורך צו לערנען די השתלשלות הדורות פון אדם הראשון ביז, נח, פון נח ביז צו די אבות הקדושים, און דאן פון די אבות הקדושים ביזן דור המדבר, ווי מיר האלטן יעצט ביי דעם דור וואס האט זוכה געווען צו מעמד הר סיני, און צום "והייתם לי סגולה מכל העמים", וועלן מיר ווידמען דעם "יגעת ומצאת" איבער פארשידענע פראגעס איבער נעמען וואס ווערן דערמאנט אין די פארלאפענע סדרות (דער גרעסטער טייל פון די תשובות שטייען אין חומש, בלויז געציילטע זענען פון די גמרא און מדרשים)

**ווער איז געווען דער מאן פון: חוה, מלכה, בשמת, צלה, אסנת, אהליבמה, זלפה, נעמה, אלישבע, עדה, צפורה, הגר, יוכבד, שוע, מרים הנביאה, דינה, יסכה, אמתלאי בת כרנבו, יהודית, בתי' בת פרעה, לאה, בנות פוטיאל, דבורה** (הפטורה)

## ראשי תיבות

ווי אזוי מאכט דאסווארט (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות נ')....

**נ"ל, נט"י, נ"ח, נלב"ע, נלפענ"ד, נ"ב, נבג"מ, נפק"מ, נ"ך, נח"ר**

❀ ❀ ❀

## תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' בשלח

א. בי"ה שמו: סימן התיבות שצריכים להיות בראש העמוד בספר תורה. ב' בראשית - י' יהודה אתה יודוך אחיך - ה' הבאים אחריהם בים - ש' שמר לך - מ' מה טובו אוהליך - ו' ואעידה בם את השמים.

ב. שעטנ"ז ג"ץ: על אותיות אלו צריך שהי' עליהם ג' תגין בכתב אשורית שכותבים בספר תורה.

ג. י"ד שח"ט ד"ם: מדין תורה אין אוכל מקבל טומאה עד שיבואו עלי' משקין שמכשירן לקבל טומאה. וזה הרמ"ז על ז' משקין שמכשירין את האוכל: י'ין ד'בש ש'מן ח'לב ט'ל ד'ם מ'ים.

ד. א"ת ב"ש: אלו הימים טובים שחלים תמיד באותם ימי השבוע שחל בהם יומי דפסח. א"ת: א' דפסח חל באותו היום כמו תשעה באב. ב"ש: ב' דפסח כמו שבועות. ג"ר: ג' דפסח כמו ראש השנה. ד"ק: ד' דפסח כמו קריאת (שמחת) התורה. ה"צ: ה' דפסח כמו צום כיפור. ו"פ: ו' דפסח כמו פורים. (פל"ג: פורים כמו ל"ג בעומר).

## תי' על ראשי תיבות

ממנ"פ: ממה נפשך– מ"מ: מכל מקום – מנה"מ: מנא הני מילי– ממה"מ: מלך מלכי המלכים – מלמה"ד: משך למה הדבר דומה – מדה"ר: מידת הרחמים – מנצפ"ך: די ענדע אותיות - משו"ה: משום הכי – מז"ט: מזל טוב – מוצש"ק: מוצאי שבת קודש. מה"ת: מן התורה – מסי"נ: מסירות נפש.